# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת נשא/שבועות תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 435

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### זיך מתוודה זיין אן א ברכה

**"וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"** (ה ז)

אסאך וואונדערן זיך פארוואס זאגט מען נישט א ברכה אויף די מצוה פון ווידוי פארן עס מקיים זיין, אזוי ווי מען זאגט בעפאר אנדערע מצוות-עשה?

**רבי יצחק שמעלקיש** לעמבערגער רב ערקלערט עס אויף צוויי וועגן:

א. די ראשונים (ראה שו"ת הרשב"א א' יח) שרייבן אז מען זאגט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס מען עס מקיים זיין נאר דורך טון א עבירה פון פריער. אויך מצות ווידוי קען מען נישט מקיים זיין נאר דורך טון א עבירה, דעריבער זאגט מען נישט א ברכה אויף דעם.

ב. די ציל פון זאגן א ברכה פארן מקיים זיין די מצוה, איז אויסרופן אז דער מענטש איז מקיים די מצוה נאר צוליב די ציווי ה' (ראה 'דבר משה' ח"ג או"ח ו). דעריבער, אזוי ווי א זון וואס האט עובר געווען אויף א באפעל פון זיין פאטער, איז נישט פאסיג אז ווען ער קומט איבערבעטן זאל ער זאגן פארן פאטער אז ער אנטשולדיגט זיך פאר אים נאר ווייל אזוי האט ער אים באפוילן, אזוי איז אויך נישט פאסיג אז דער וואס טוט תשובה און זיך מתוודה אויף זיין זינד זאל אויסרופן אז ער טוט אזוי נאר צוליב די ציווי פון ה', נאר ער דארף חרטה האבן פון זיין אייגענעם ווילן.

שו"ת 'בית יצחק' יו"ד ח"ב סוף סי' קסח

### די מעלה פון דער וואס טוט תשובה מאהבה

**"וְהֵשִׁיב אֶת אֲשָׁמוֹ בְּרֹאשׁוֹ וַחֲמִישִׁתוֹ יֹסֵף עָלָיו"** (ה ז)

דער מהר"ם **אש** ברענגט אז זיין שווער **רבי דוד דייטש** בעל 'אהל דוד' טייטש אזוי דער פסוק:

לויט די רייד פון די חכמים (עבודה זרה ה א) וואס זאגן "כל העושה מצוה אחת בעולם הזה מקדמתו והולכת לפניו לעולם הבא... וכל העובר עבירה אחת מלפפתו ומוליכתו ליום הדין", קומט אויס אז דער וואס טוט תשובה מאהבה אויף זיינע זינד און דורך דעם ווערן זיי איבערגעדרייט אויף זכויות (יומא פו ב), ברענגט ער צו אז זיינע זינד ווערן מצוות וואס וועלן גיין צוערשט פאר אים אויפן וועג צום עולם הבא. דאס דערמאנט אונז דער פסוק: "וְהֵשִׁיב" - דער זינדיגער זאל תשובה טון מאהבה, און דורך דעם זוכה זיין צו: "וְהֵשִׁיב אֶת אֲשָׁמוֹ בְּרֹאשׁוֹ" - זיינע עבירות וועלן איבערגעדרייט ווערן אויף זכויות וואס וועלן גיין 'בראשו' אין עולם הבא.

'אמרי אש' עה"ת

### ווען די שפייז זענען ענג – איז די ברכה גרעסער

**"יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם"** (ו כו)

די גמרא (ברכות כ ב) זאגט אז די מלאכי השרת האבן געפרעגט פון הקב"ה: וויאזוי האסטו באפוילן די כהנים זאלן בענטשן די אידן: "ישא ה' פניו אליך", דו שרייבסט דאך אין דיין תורה 'הָאֵ-ל הַגָּדֹל הַגִּבֹּר וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים (דברים י יז)...'? האט הקב"ה זיי געענטפערט: "וכי לא אשא פנים לישראל?! איך האב געשריבן אין תורה (שם ח י): 'וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ' [אז מען איז נישט מחוייב מיט ברכת המזון נאר ביים עסן 'כדי שביעה'] און זיי זענען מדקדק אויף זיך [צו בענטשן אויך אויף עסן] עד כזית ועד כביצה!".

לכאורה, עס זענען דא אסאך חומרות וואס די אידן האבן צוגעלייגט, פארוואס האט הקב"ה אויסדערוועלט פונקט די חומרא אלס א סיבה אויף נשיאות פנים?

ערקלערט **רבי משה שטיין** דער סענדזשארצער רב אין ראמעניא:

ביי בענטשן דערקלערט דער מענטש זיין אמונה אין דעם אז הקב"ה איז משגיח אויף זיין וועלט און שטעלט אים צו זיין שפייז מיט השגחה פרטית. דער מענטש וואס איז זוכה צו האבן פרנסה בכבוד, נישט ווייניג מאל ווערט ער איבערגעצייגט צו זען און פילן די אויבנדערמאנטע השגחה, און ממילא איז נישט קיין חידוש מיט דעם אז ער דערקלערט זיין אמונה. אבער דער וואס זיין שפייז איז ענג און אויך נאר דורך שווייס און פלאג, ווען ער רופט אויס ביים בענטשן אז דאס עסן איז צו אים געקומען פון השי"ת'ס הענט און נישט דורך זיין כוח, ליגט באהאלטן אין זיין בענטשן א טיפע און באדייטנע דערקלערונג פון אמונה וואס איז נישטא נאך אין דעם גלייכן. קומט אויס אז לויט וואס די עסן איז ווייניגער - "עד כזית עד כביצה" - לערנט אונז די ברכה אויף א טיפערע אמונה, און לויט דעם איז עס מזכה די אידן מיט א גרעסערע נשיאות-פנים.

'באר משה'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'ויברך דוד את ה"

מיר האלטן יעצט ערב יו"ט שבועות, דעם טאג פון דוד מלך ישראל, זיין געבורטסטאג און זיין אוועקגיין איז געווען אין דער טאג, און זיין שיין און כוחות באגלייטן אונז, זיין פאלק, ביזן היינטיגן טאג.

דער פסוק, ווענלנדיג שילדערן די מעלה פון דוד המלך, זאגט אויף אים (שמואל-ב כג, א), אז ער איז געווען: "הַגֶּבֶר הֻקַם עָל מְשִׁיחַ אֱלֹקֵי יַעֲקֹב וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל". דאס זענען זיינע צוויי גרויסע אוצרות וואס ער האט איבערגעלאזט לדורות עולם: די ספר תהילים - "זמירות ישראל", און די תקנה פון מאה ברכות וואס איז מרומז אין די ווערטער "הוקם **על**" - "על" איז בגימטריה 'מאה' (במדב"ר יח כא).

דורך דעם ספר תהלים האט דוד איינגעפלאנצט אין כלל ישראל אויף אלע דורות דעם אייביגן כח און זכות צו דאנקען און לויבן, בעטן און דאווענען פארן בורא עולם. דורך דעם קען יעדער איד געפינען א הילף אויף יעדע געשריי, געבעט, תפלה און לויב, וואס קומט ארויס פון די טיפענישן פון זיין הארץ. טויזנטער יארן זענען שוין דורכגעגאנגען פון ווען דער אייביגער ספר איז געשריבן געווארן, וואס איז נאנט צום הארץ פון יעדן איד , וואו ער איז, אין יעדער צייט און אין יעדער ארט.

אויסער דעם האט דוד צוגעלייגט און מתקן געווען די תקנה פון מאה ברכות, דאס איז די תקנה וואס באגלייט אונז דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג א יאר - יעדן טאג און אין אלע שעות פון טאג.

די חכמים ז"ל אנטפלעקן פאר אונז (במדב"ר שם) אז דוד האט מתקן געווען די תקנה צוליב א מגפה וואס האט אויסגעבראכן אין זיינע צייטן און האט געקאסט הונדערט נפשות מישראל יעדן טאג. דורך זיין רוח הקודש איז אים נתגלה געווארן אז די מגפה קומט אלס א שטראף אויף דעם וואס די אידן לויבן נישט ווי עס דארף צו זיין פאר זייער באשעפער, דעריבער האט ער מתקן געווען די מאה ברכות - אקעגן די הונדערט מענטשן וועלכע זענען אומגעקומען יעדן טאג - און די מגפה האט זיך אפגעשטעלט.

פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג איז כלל ישראל מקפיד צו זאגן די מאה ברכות יעדן טאג, און דערמיט זענען זיי זוכה צו א שוץ פון סיי וועלכע צרות און נויט וואס זאל נישט זיין.

די תקנה געבט אונז אויך א רוחניות'דיגע שיצונג, ווייל דוד המלך האט באזירט זיין תקנה אויף דעם פסוק (דברים יב, יב, ועיין רש"י מנחות מג, ב): "ועתה ישראל מה [-מאה] ה' אלוקיך שואל מעמך **כי אם ליראה**", און פון דא לערנען מיר אז די מאה ברכות ווארצלען איין אין די הערצער יראת שמים, וואס איז דער בעסטער שוץ קעגן אלע רוחניות'דיגע שוועריקייטן.

ווייל מיר זענען ליידער אין א וועלט פול מיט מגיפות און סכנות וואס לאקערן נאך צו שעדיגן די קערפער און די נשמה ה"י, וואס דארפן מיר מער ווי זיך מחזק זיין אין אט די הייליגע תקנה פון דוד המלך, מאה ברכות יעדן טאג!

דעריבער וועלן מיר זיך אונטערנעמען מקפיד זיין ביתר שאת ויתר עוז, אז א שלימות'דיגע ברכה איז ווי באקאנט אזאנס וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן, און אויך ווייל ווען מיר זאגן א ברכה צו א צוהערער וואס וועט ענטפערן 'אמן', געבן מיר מער אכטונג און מיט מער ערנסטקייט ווערט געזאגט יעדער ווארט - די ברכה פון ה' זאל אונז העלפן מצליח זיין און געהאלפן ווערן אין אלע אונזערע ענינים אין זכות פון דוד המלך, אמן!

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**
**א גוט שבת און א גוט יו"ט**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א קביעות'דיגע קבלה אויף א קביעות'דיגע סומע...

עס איז געווען א טאג ווי אלע טעג. ר' יצחק האט געמאכט זיין וועג פון שול צו זיין היים, נאך א עמאציאנעלער שחרית'דיגע דאווענען. אזוי ווי יעדן טאג איז ר' משה, זיין שכן, געגאנגען נעבן אים, ווען אויפן וועג רעדן זיי אויף דאס און יענס. ווען זיי זענען אנגעקומען צו זייערע הייזער, האבן זיי זיך געוואלט געזעגענען, אבער דאן האט ר' משה זיך מיטאמאל דערמאנט: "ר' יצחק, איך מוז דיר מיטטיילן א וואונדערליכע 'פערל-ווארט' וואס איך האב נעכטן אנטדעקט, איך בין זיכער אז דו וועסט האבן א נוצן פון דעם...", ר' יצחק איז נייגעריג געווארן און זיך צוגעהערט. ר' משה האט ארויסגענומען א צעטל פון זיין קעשענע און אנגעהויבן ליינען: "דער זוהר הקדוש שרייבט (ויקהל ריח א) אז דער וואס בענטשט ברכת המזון בשמחה, וועט ער אין דעם זכות באקומען מן השמים פרנסה בשמחה און מיט א גוטע אויג, און אזוי שרייבט אויף דעם דער חיד"א אין זיין פירוש 'נצוצי אור' (שם): **'דעריבער זאל ער עסן און טרינקען אזאך וואס דערפריידט אים, כדי ער זאל בענטשן בשמחה, און בענטשן בשמחה און מיט א קול רם איז סגולה רייך צו ווערן...'**, דער חיד"א האט אויך געטראפן צו דעם א רמז אין דער לשון הפסוק


כוס של ברכה

אין משלי (י כב): 'בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ'; 'ברכת ה'' ד.מ. ברכת המזון וואס איז א חיוב דאורייתא, 'היא תעשיר', אבער עס איז דא אין דעם א תנאי: 'ולא יוסיף עצב עמה, נאר ער זאל עס זאגן בשמחה".

ר' משה האט זיך פון אים געזעגנט, אבער די ווערטער וואס ער האט אים פארגעליינט, האבן ווײטער געקלונגען אין ר' יצחק'ס מוח א לאנגע צייט; ער האט טאקע נישט געוואלט רייך ווערן, אבער אביסל פארגרינגערן די פינאנציעלע מצב אין שטוב איז נישט שעדליך פאר קיינעם - האט ער געטראכט צו זיך...

צו שפייזן זיין געבענטשטע פאמיליע, האט ר' יצחק געדינט אלס מלמד פון אידישע קינדער אין א תלמוד תורה וואס געפינט זיך אין אן אנדערע שטאט. יעדן טאג שטייט ער אויף פריה, און נאכן דאווענען לאזט ער זיך ארויס אויף זיין וועג. ארום א שעה וואלגערט ער ארום אויף די וועגן ביז צו זײן ארבעט, ער איז משקיע אלע זיינע כוחות אין זײנע תלמידים און קערט זיך צוריק אהיים אויסגעמאטערט. אבער די געהאלט איז נישט גענוג. טראץ זיין השתדלות טרעפט ער זיך ווידער צוקומען צו הלוואות און זעט נישט קיין ברייטקייט אין זיין היים.

די ווערטער פון חיד"א זענען געווען פאר אים ווי קאלטע וואסער אויף א אויסגעמאטערטע זעל און ער האט באשלאסן עס אויספירן מיט גאנצן כח. געוועגליך פלעגט ער עסן אינדערפריה נאר מיני מזונות וואס ער האט מיטגענומען אויפן וועג. ער האט נישט געהאט צייט אויף מער פון דעם... אבער פון יעצט און ווייטער האט ער באשלאסן אז ער וועט נישט מוותר זיין אויף 'ברכת המזון', כאטש איינמאל א טאג.

שוין יענעם טאג האט ער אין איילעניש גענומען צוויי רעפטלעך ברויט און זיי אריינגעלייגט אין זיין טאשקע, און פון דעמאלטס האט ער זיך שטענדיג אזוי געפירט; ביי די הפסקה פון מיטאג פלעגט ער אריינגיין אין א זייטיגן צימער, געוואשן די הענט און געגעסן די ברויט, און נאכדעם געבענטשט ברכת המזון בשמחה און בקול רם. זיינע חברים וואס אין אנהויב האט עס אויסגעזען מאדענע, האבן זיך גאנץ שנעל צוגעוואוינט. ר' יצחק האט אנגענומען די דאזיגע הנהגה און נישט מוותר געווען אפילו איינמאל.

עס איז געווען אין איין אוונט, נאכן פארענדיגן די ארבעט וואס מוטשעט אויס. ר' יצחק איז שנעל ארויס פון בנין הת"ת צו כאפן דעם באס, מיטאמאל האט ער באמערקט א באקאנטן פיגור. דאס איז געווען ר' שלמה, א באקאנטער ביזנעסמאן וואס האט געוואוינט נישט ווייט פון אים. ר' יצחק האט אים באגריסט און איז ווייטער געגאנגען, אבער יענער האט זיך אפגעשטעלט, ווען ער פרעגט אדער ער טראגט אן: "איך בין אויפן וועג אהיים, ווילט אהיים פארן מיט מיר?!"

"זיכער!", האט ר' יצחק נישט געקענט באהאלטן זיין התלהבות, און ר' שלמה האט אים איינגעלאדנט אריינקומען אין זיין עלעגאנטן אויטא. אויפן וועג האבן די צוויי גערעדט פון פארשידענע זאכן, די שוואכע באקאנטשאפט צווישן זיי האט זיך פארשטערקערט. די איינגענעמע רייזע האט שוין געהאלטן אין ענדע, און ר' יצחק האט אנגעהויבן זיך באדאנקען אויפן קאפ פון זיין בעל חסד, אבער יענער האט אים אפגעשטעלט:

"זיי מיר מוחל אויפן גראבלען" האט ר' שלמה זיך אנטשולדיגט, "אבער וואס טוט איר אין דער שטאט וואו מיר האבן זיך געטראפן? - האט ער זיך אינטערעסירט. ר' יצחק האט געענטפערט אז ער פארט דארט יעדן טאג צו דינען אלס מחנך אין די געוויסע ת"ת, "און פרנסה?" פרעגט ר' שלמה, "עס איז טאקע נישט גרינג", האט ר' יצחק אויפן פלאץ געענטפערט און האט פארגעזעצט שילדערן אין קורצן די עקאנאמישע שוועריקייטן מיט וואס ער מוז זיך ספראווען. "איך טו דאס מערסטע וואס איך קען, און אין די זעלבע צייט בין איך זיך מחזק אין בטחון", האט ער אויסגעפירט.

דער מענטש האט זיך ווייטער פאראינטערעסירט אין ר' יצחק'ס לעבנ'ס-שטייגער, עס האט אויסגעזען אז ער איז באאיינדרוקט געווארן פון זיין דמות, און ווען זיי זענען אנגעקומען אין זייער געגנט, זענען זיי שוין געווען ווי ריכטיגע פריינד. ר' שלמה האט אפגעשטעלט זיין מאשין ביי די אריינגאנג פון דעם געביידע וואו ר' יצחק וואוינט, ער האט זיך פון אים געזעגנט און דאן אריינגעשטעקט זיין האנט אין זיין קעשענע, ארויסגענומען אכט הונדערט שקל און עס אריינגעשטעקט אין די הענט פון דעם דערשטוינטן ר' יצחק. "ס'איז א זכות פאר מיר צו זיין א שותף מיט א איד ווי דיר...", האט ער געזאגט און איז ווייטער געפארן.

ס'האט געדויערט עטליכע מינוט פאר ר' יצחק זיך אויפכאפן פון וואס ער האט יעצט מיטגעלעבט, צום ערשט האט ער אנגעהויבן טראכטן אויף די אפציע פון צוריקגעבן דאס געלט, אבער ווען ער האט זיך דערמאנט פון דעם 'גרויסן לאך' וואס ער האט געהאט אין זיין באנק אקאונט, און נאך עטליכע וויכטיגע אויסגאבן וואס האבן געווארט אויף אים. האט ער פארשטאנען אז דאס געלט איז פאר אים געשיקט געווארן פון הימל, און ער האט עס אריינגעלייגט אין זיין קעשענע, ווען אין הארץ וואונטשט ער אלע ברכות פאר זיין גוטס-געבער.

דאס וואלט געקענט פארגעסן ווערן, ווען נישט די קומענדיגע וואך, דאנערשטאג ביינאכט האט ר' יצחק באגעגנט זיין נייעם חבר ביים טיר פון זיין הויז, אויך דאס מאל האט ער אים דערלאנגט אכט הונדערט שקל, ר' יצחק האט אים באדאנקט אבער זיך אפגעזאגט פון צו נעמען דאס געלט, אבער דער מענטש האט זיך ממש געבעטן: "איך פיל א זכות צו זיין א שותף מיט דיר, צו נעמען א טייל אין ערציען דיין געבענטשטע פאמיליע, ביטע ... נעם עס ביטע, אויב נישט פאר דיר - פאר מיר...".

פון יענעם טאג און ווייטער ביזן היינטיגן טאג,ווארט פאר ר' יצחק יעדע וואך א קאנווערט מיט א באשטימטע סומע פון אכט הונדערט שקל. אויך ווען ר' שלמה איז אין אויסלאנד, איז ער נישט מוותר פון צו שיקן דאס געלט דורך א שליח.

ר' יצחק, מיר האבן שוין געזאגט, האט נישט געשטרעבט צו ווערן רייך, נאר דאס איז געווען דער פאקט; פון דעם טאג וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו בענטשן ברכת המזון בשמחה און בקול רם, מיט כוונה און אינעווייניג, האט ער זוכה געווען צו זען אפן מיט זיינע אויגן אז דער בורא עולם שיקט אים יעדע וואך א ברייטהארציגע שטיצע, א שטיצע וואס לויט זיין ווילן - האט אים נישט רייך געמאכט, אבער האט אים ארויסגענומען פון זיין ארעמקייט...

'פניני פרשת השבוע' ח"ג עמ' שס

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די מצוה פון 'מאה ברכות' (ב)

### 'מאה ברכות' אנשטאט די קרבנות

דער רוקח שרייבט אז בזמן הזה וואס דער בית המקדש איז חרוב און מיר האבן נישט די מעגליכקייט מקריב זיין קרבנות, עקזיסטירן מיר אויף דער וועלט אין זכות פון זאגן מאה ברכות. ווייל אזוי זאגט הקב"ה: "יהיו אומרים לפני מאה ברכות בכל יום, ומעלה אני עליהם כאילו הקריבו לפני כל הקרבנות". דער רוקח לייגט צו אז דאס זאגן מאה ברכות יעדן טאג, האט מען מתקן געווען אקעגן די מאה פסוקים אין תורה וואו דארט זענען ארויסגעשריבן די דינים פון אלע קרבנות ('פירושי סידור התפילה לרוקח' ח"א סי' א).

רבי חיים פלטיאל פון די בעלי התוספות זאגט אז דאס זאגן 'מאה ברכות' ווערט אנגענומען לרצון נאך מער פון די קרבנות; אין אנהויב פרשת ויקרא (א ב) שטייט: "אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם". "מכם" - איז בגימטריה מאה, און די תורה קומט אונז לערנען אז זאגן "מכם" [מאה] ברכות יעדן טאג איז ווי א "קרבן לה'", און איז באוויליגט און אנגענומען מער פון די פאלגנדע קרבנות: "מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן" ('פירושי התורה לרבי חיים פלטיאל' שם)

### ממעיני הישועה

פון די אויבנדערמאנטע ווערטער זען מיר אז די מאה ברכות וואס מיר זאגן יעדן טאג, שיצן אונז פון יעדן מגיפה און פון יעדן קללה, און זענען משפיע אויף אונז יראת שמים און עפנט פאר אונז די טויערן פון שפע וברכה, דעריבער מוזן מיר זייער אכטונג געבן, אפהיטן און זאגן די ברכות טעגלעך בדקדוק און לויט די הלכה, אזוי ווי ער האט געווארנט אין ספר הקָנֶה (ד"ה ענין יראת שמים): "לכן אתם בני הגלות תנו לב לדעת את אלקיכם ולברכו בכל יום מאה ברכות, כדי שתתברכו מהם, כי על ידי הברכות הללו אנו קיימים וחיים בגלות, לכן שמעו אלי ואל תקלו בהם".

צו די הויז פון הגרש"ז אויערבאך איז אנגעקומען א גרויסער תלמיד חכם וואס איז קראנק געווארן אויף א שווערע קראנקייט, און האט געפרעגט: מיט וואס קען ער זיך מחזק זיין כדי צו דערווייטערן די שווערד וואס איז העכער אים? האט אים הגרש"ז געענטפערט: זעה נאר איך בין נישט געוואוינט צו מייעץ זיין פאר אנדערע וואס זיי זאלן טון, איך קען דיר נאר זאגן וואס איך וואלט געטון אויב איך וואלט חלילה זיך געפינען אין אזא מצב - איך וואלט זיך מחזק געווען מיטן זאגן די מאה ברכות. איך רעד נישט פון זאגן סתם אבי געזאגט - האט הגרש"ז צוגעלייגט און קלאר געמאכט - נאר צו זאגן מיט גרויס כוונה אזוי ווי די הלכה איז ('מצות המאה ברכות כהלכתה' בהקדמה).

דער ראב"ד הגר"מ שטערנבוך דערציילט אז פאר אסאך יארן, ווען עס איז געווען א עת צרה אין ארץ ישראל, האט זיך באטייליגט ביי א עצרת תפילה וואס איז פארגעקומען אין ראש העין איינער פון די גדולי מקובלים פון יהדות תימן וואס איז געווען אין א טיפן עלטער. און ער האט עדות געזאגט אז אין תימן ביי יעדע עת צרה האט מען זיך מחזק זיין און מער מקפיד געווען אויף זאגן מאה ברכות מיט כוונה, און אין דעם זכות האבן זיי זוכה געווען צו זען גרויסע ישועות ('ביאורים והנהגות' פר' נצבים).

### חיים של יראת שמים

דורכ'ן זאגן די מאה ברכות יעדן טאג בינדט צו דער מענטש זיין נפש און רוח צו הקב"ה און איז זוכה פול ווערן מיט יראת ה'. דאס לערנט מען ארויס פון דער המשך פון דער פסוק וואס אויף דעם האבן די חכמים אוועק געשטעלט זייער תקנה: "ועתה ישראל מה [מאה] ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה". די ווערטער "כי אם ליראה" זענען נישט ווי א ציווי, נאר די תורה קומט אונז לערנען אז די מעלה פון 'מאה ברכות' איז אזוי גרויס, אז יעדער וואס איז מקפיד אויף דעם יעדן טאג איז גרינגערהייט זוכה צו יראת ה'. צוליב דעם שטייט אויך אין פסוק "מה" און נישט "מאה", כדי מרמז זיין אז דורכן זאגן מאה ברכות קען מען דערגרייכן צו יראת שמים ('ישמח משה' עקב; 'בן יהוידע' מנחות מג ב).

אויך די גאלדענע לשון פון רמב"ם אין הלכות ברכות (א ד) לערנט אונז אז די ברכות ברענגען צו דעם מענטש ער זאל ווערן א ירא ה', ווייל אזוי שרייבט ער: "נמצאו כל הברכות כולן שלשה מינים, ברכות הנייה, וברכות מצוות, וברכות הודאה שהן דרך שבח והודיה ובקשה, כדי לזכור את הבורא תמיד וליראה ממנו".

לייגט צו דער 'אמרי אמת' (כי תבא תר"ע): די תורה באפעלט (דברים יד כג) "למען תלמד ליראה את ה' אלקיך כל הימים", פון דעם וואס די תורה האט באטאנט "כל הימים" זעט מען אז דער מענטש דארף מורא האבן פון ה' ממש א גאנצן טאג, און דאס ווערט ערמעגליכט דורך די מאה ברכות, וואס זייער זאגן איז אויסגעשפרייט אויף א גאנצן טאג.

### 'ברכת המצוות' אויף די מצוה פון מאה ברכות

רבי אליהו מני דער רב פון חברון שרייבט, אז בעפאר מען זאגט די ערשטע ברכה פון די מאה ברכות פון דער טאג זאל דער מענטש אינזין האבן אז ער גייט יעצט מקיים זיין די מצוה פון זאגן 'מאה ברכות' דורך די ברכות וואס ער גייט יעצט זאגן ביז ענדע טאג ('מעיל אליהו' ביאור על הסידור, סדר נטילת ידים). אין סידור 'אור השנים' (סדר הקימה) שטייט מען זאל זאגן אנהויב טאג: "הריני מוכן ומזומן לברך הברכות כמו שתקנו חכמינו זכרונם לברכה לברך מאה ברכות בכל יום, ואסמכוהו אקרא שנאמר: 'מה ה' שואל מעמך' - 'אל תקרי מה אלא מאה'..."

אויף אסאך פון די מצוות עשה האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן א ברכה פארן עס מקיים זיין, פארוואס האט מען נישט מתקן געווען צו זאגן א ברכה בעפאר די ערשטע ברכה פון די צאל פון די מאה ברכות? אין ספר 'ברכת איתן' (על מצות מאה ברכות, סי' ערקלערט עס אויף צוויי אופנים:

א. דער 'אור זרוע' (ח"א סי' קמ) ערקלערט אז מען זאגט נישט קיין ברכת המצוות פארן טרינקען די ד' כוסות, ווייל מען טרינקט זיי נישט אויפאיינמאל, נאר אין לויף פון סדר-נאכט, און א מצוה וואס ווערט נישט נשלם אין איינמאל זאגט מען נישט אויף דעם א ברכה. לויט דעם פארשטייט מען פארוואס האבן די חכמים נישט מתקן געווען א ברכה אויף די מצוה פון מאה ברכות, ווייל זייער זאגן שפרייט זיך אויס אויף א גאנצן טאג.

ב. רבי יעקב מליסא ערקלערט אז מען האט נישט מתקן געווען זאגן א ברכה אויף ברכת המזון ווייל די חכמים האבן נישט מתקן געווען א ברכה אויף א מצוה וואס מען איז מקיים דורך א ברכה (הגדת 'מעשה ניסים' בפתיחה). אזוי אויך מקיים זיין די מצוה פון מאה ברכות איז דורך זאגן ברכות, וועגן דעם האט מען נישט מתקן געווען אויף דעם א ברכה.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וּבָאוּ הַמַּיִם הַמְאָרְרִים הָאֵלֶּה בְּמֵעַיִךְ לַצְבּוֹת בֶּטֶן וְלַנְפִּל יָרֵךְ וְאָמְרָה הָאִשָּׁה אָמֵן אָמֵן" (ה כב)

רש"י ברענגט די משנה (סוטה יח א) אז די פרוי זאגט צוויי מאל "אָמֵן אָמֵן", ווייל דער כהן לייגט צו אויף איר נאך שבועות כדי צו פארזיכערן אז זי האט נישט געזינדיגט אויף אנדערע וועגן.

פון דעם וואס די חכמים דארפן ערקלערן די סיבה אויפן דאפלען די 'אמן', ברענגט דער גר"א (או"ח סא יב) א מקור צו די פסק פון רמ"א (שם) אזוי ווי א מענטש טאר נישט דאפלען א ווארט ביים דאווענען: 'מודים מודים', ווייל עס זעט אויס אז ער לויבט פאר שתי רשויות, אזוי טאר מען אויך נישט דאפלען און ענטפערן 'אמן אמן' אויף איין ברכה.

אבער הרמ"ד וואלי ערקלערט דאס דאפלען אמן אזוי: ענטפערן אמן נוצט צו ראטעווען דעם מענטש אין יעדע מצב וואס ער געפונט זיך. דעריבער

## 'אמן אמן' אויף איין ברכה

דאפלט די פרוי דאס ענטפערן 'אמן', כדי אין יעדן פאל זאל עס אויפטון פאר איר טובה; אויב זי וועט געפינען ווערן אז זי איז ערליך - וועט זי זוכה זיין דורך דעם עס זאל פארווירקליכט ווערן די ברכה: "וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע" (לעיל פס' כח), און אויב חלילה עס וועט זיך ארויסווייזן אז זי איז נישט ערליך - זאל לכל הפחות מכופר ווערן איר זינד און נישט דארפן דערנידערט ווערן צו די אונטערשטע וואוינונג אין גיהנום. 'שבטי י-ה' [לרמ"ד וואלי]

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דָּזִי אֱמוּנִים

## רמזים פון אמן אין ספר תהילים

אין בעפארבר'ייטונג פון זמן מתן תורתנו - די געבורטסטאג און יארצייט פון דוד בן ישי מלך ישראל, האבן מיר געברענגט א קייט פון רמזים פון ענטפערן אמן, פון דער ספר תהילים - דער אייביגער ספר התפילות פון דאס אידישער פאלק, וואס ער האט פאר אונז איבערגעלאזט א ירושה.

### ענטפערן אמן בינדט צו די מקטרגים

"נִתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ" (ב ג)

בעל 'שומר אמונים' שרייבט: ווען כלל ישראל זענען מקפיד אויף ענטפערן אמן ווערט פון דעם געשטריקט ווי א 'שטריק' וואס מיט דעם ווערן די מקטרגים צוגעבינדן זאלן נישט קענען מקטרג זיין אויף אידן, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קמט ח): "לאסור מלכיהם בזקים [=אזיקים]".

די מקטרגים ווילן אפשוואכן די אידן פון זייער אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן, און דורך דעם אפרייסן פון העכער זיי דער שטריק, ווי עס איז מרומז אין פסוק "נתקה את מוסרותימו [זייער שטריק]" - ר"ת אמן. אבער מיר דארפן וויסן אז אויב מיר וועלן זיך נישט אונטערברעכן, נאר אדרבה זיך מחזק זיין מיט ענטפערן אמן וועלן די מקטרגים בלייבן צוגעבינדן מיט שטריק און וועלן נישט קענען מקטרג זיין אויף אונז ('שומר אמונים' מאמר פתחו שערים טו).

### גדול העונה אמן

"אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן לָאֵ-ל גֹּמֵר עָלָי" (נז ג)

"אקרא לאלקים עליון" - איז די סופי תיבות 'אמן', א רמז אז דער וואס ענטפערט אמן איז אין א העכערע מעלה פון דער מברך אזוי ווי חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('אוצר תהילות ישראל' תהילים נז א).

### הקב"ה טוט זיך שטאלצירן מיט די וואס ענטפערן אמן

"תְּנוּ עֹז לֵאלֹהִים עַל יִשְׂרָאֵל גַּאֲוָתוֹ וְעֻזּוֹ בַּשְּׁחָקִים" (סח לה)

די ראשי תיבות: "על ישראל גאותו ועזו בשחקים" באטרעפט די גימטריה 'אמן'. הקב"ה טוט זיך שטאלצירן מיט 'אמן' וואס אידן ענטפערן, דורך דעם באקומען די מליצי יושר אין הימל א כח און שטארקייט מלמד זכות אויף זיי און אפשטילן די מקטרגים פון זיי.

מיט דעם קען מען אויך טייטשן דעם פסוק (תהלים לא כד): "אהבו את ה' כל חסידיו **אמונים** נוצר ה' ומשלם על יתר עושה גאוה"; הקב"ה געדענקט די זכות פון די וואס ענטפערן אמן, און צאלט זיי א גרויסע שכר, ווייל מיט זיי קען ער זיך שטאלצירן (דער גרינדער און נשיא 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמארשטיין).

### 'נורא אלוקים' דורך ענטפערן אמן

"נוֹרָא אֱלֹקִים מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אֵ-ל יִשְׂרָאֵל הוּא נֹתֵן עֹז וְתַעֲצֻמוֹת לָעָם" (סח לו)

דער 'מגלה עמוקות' שרייבט (פר' בלק): "נורא אלקים ממקדשיך" - איז ר"ת 'אמן'; ווען אידן ענטפערן אמן, ווערט מקויים דער המשך "הוא נותן עוז ותעצומות לעם". דער '**אביר יעקב**' זאגט אז דער רמז קומט אונז לערנען אז דורך ענטפערן אמן, ווערט די נאמען פון ה' געפארכטיגט און געהייליגט ('שערי תשובה' אופן כב).

נאך קען מען דרש'ענען א רמז אין דעם, אין זכות פון ענטפערן אמן וועלן מיר זוכה זיין עס זאל אויפגעבויעט ווערן די בית המקדש און עס זאל מקויים ווערן ביי אונז דער פסוק "נורא אלקים ממקדשיך" ('דומיה תהלה', בתהילים 'נורא תהלות' ב א).



די קבר פון ישי - דוד'ס זיידע - און רות המואביה 'אמה של מלכות' אין חברון



די קבר פון דוד המלך אין הר ציון

### נישט זיין ווי א שטומער ביים ענטפערן אמן

"מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ ה'" (פג יז)

דער חוסטער דיין **רבי יעקב קטינא** זאגט: "מלא פניהם קלון" - איז סופי תיבות 'אמן'. און קומט מרמז זיין וויפיל שאנד און בושה וועט זיין אין עולם העליון פאר דער וואס האט נישט מקפיד צו ענטפערן אמן. "איז עס דען א ארבעט? און וואס וועט ער ענטפערן ווען מען וועט אים פרעגן אין בית דין של מעלה פארוואס האסטו נישט געענטפערט אמן?" ('קרבן העני' סוף פרשת כי תבא; 'רחמי האב' אות נו).

### אמן ברענגט שפע

"מַצְמִיחַ חָצִיר לַבְּהֵמָה וְעֵשֶׂב לַעֲבֹדַת הָאָדָם לְהוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ" (קד יד)

"להוציא לחם מן הארץ" - די סופי תיבות איז: 'צ' אמן'. פון דא איז א רמז אז דער וואס איז מקפיד אויף די תקנה פון די חכמים ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים (ראה 'מגן אברהם' ו ט) איז ממשיך פון הימל א געוואלדיגער שפע, און ווערט געבענטשט מיט בני חיי און מזוני ('גבעת יוסף' תהלים שם).

### אמן ראטעוועט פון שלעכט'ס

"צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא; וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא אָנָּה ה' מַלְּטָה נַפְשִׁי" (קטז ג-ד)

האדמו"ר **רבי מנחם מענדל פון ווישווא** זאגט: "אנה... מלטה נפשי" - איז ר"ת 'אמן'. א רמז אויף די כח פון ענטפערן אמן, עס קען צורייסן די שלעכטע גזר דין פון דער מענטש און אים ראטעווען פון אלעס שלעכט'ס ('שארית מנחם' תהילים קטז ד).

### מיטן ענטפערן אמן 'אשיב לה'"

"מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי" (קטז יב)

די ראשי תיבות: "מה אשיב לה' כל" זענען צוזאמען גימטריה צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', דיך צו לערנען אז ווען א מענטש וויל צוריק צאלן אפילו נאר א ביסל אויף די פיל חסדים וואס דער באשעפער טוט מיט אים, זאל ער זיך מחזק זיין אין די מצוה פון ענטפערן אמן וואס אויף דעם זאגן די חכמים (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים" (דער גרינדער און נשיא 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמארשטיין).

### אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט אנפלעקט סודות התורה

"גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתֶךָ" (קיט יח)

"אביטה נפלאות מתורתך" - איז ר"ת אמן. דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן איז זוכה עס זאל אים אנטפלעקט ווערן סודות פון די תורה, און די תורה לערנט אים אויך וויאזוי זיך צו פירן אין אלע זיינע ענינים ('גבעת יוסף' תהלים שם).